**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/26/2021 **גאווערנאר קעטי האוקאל**

**סטעיטמענט פון גאווערנאר האוקאל איבער צוגעלייגטע פינאנצירונג געלעגנהייט פאר פעדעראלע רענט הילף**

"איף די ערשטע טאג האט איך זיך פארפליכטעט צו ארויסציהען פעדעראלע געלט פאר הילף מיט רענט ארויס פונעם טיר און אריין אין די הענט פון ניו יארקער. זינט דאן האבן מיר אדורכגעבראכן די ביוראקראטישע סאמעטוכע און געטאפלט די סומע פון פאנדעמיע הילף אויסגעטייל פיר מאל. מיט 913 מיליאן דאלאר אין ניו יארקע הענט, זענען מיר יעצט צווישן די העכסטע אינעם לאנד מיטן אויסגעבן הילף פאר רענט, און ניו יארק האט שוין צוגעזאגט צו צאלן די מערסטע געלט אינעם לאנד. אבער מיט מער פון 250,000 אריינגעגעבענע אפליקאציעס, איז עס קלאר אז ניו יארק סטעיט טענאנטס און לענדלארדס פילן ווייטער די שווערע עקאנאמישע ווירקונגען פון די פאנדעמיע.

היינט וועט די פאראייניגטע שטאטן טרעזשורי דעפּארטמענט (Department of Treasury) אנהויבן צו אננעמען אפליקאציעס דורך די עמערדזשענסי רענט הילף פראגראם פאר סטעיטס וועלכע זענען אין נויט פאר נאך הילף, און ניו יארק סטעיט וועט אריינגעבן איר אפליקאציע ווי שנעלער מעגליך. איך באדאנק פרעזידענטביידן און די פאראייניגטע שטאטן טרעזשורי פאר די געלעגנהייט, און איך בלייב ווייטער איבערגעגעבן צו פארזיכערן די קריטישע הילף פאר ניו יארקער."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | 518.474.8418 | press.office@exec.ny.gov

זיך ארויסשרייבן